בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ה**

397

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
917-589-3382

או שלחו מייל לכתובת
SHMIELMAEB@GMAIL.COM

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


גֵיין הֲפָצָה אִין מִלְחָמָה צַייטְן?......................................א

וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען צִי מֶען הָאט לִיבּ דִי וַוייבּ?......................................ב

וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?......................................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא בַּייְנַאכְט......................................א

בַּאצָאלְן מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן?......................................ב

נִישְׁט וֶוערְן אַרַייְנְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן......................................ב

פוּן עֶנְקֶער שְׁנִיט קוּמְט אַרוֹיס דֵייְמַאנְטְן......................................ג

דִי זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט......................................ד

פַּארְטַייטְשׁ דֶעם חָלוֹם אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג......................................ו

לָאז דַיין וַוייבּ וַוייבּ אַרוֹיסְגֵיין אָן דִי בֶּעבִּי......................................ו

פְרֵיילִיךְ מַאכְן, שְׁמֵייכְלֶען אוּן בַּאגְרִיסְן......................................ז

הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואךְ נָאךְ וָואךְ......................................ז

דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִיז דִי פָּארֶעם פוּן זַיין אַ אִיד......................................ח

אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה......................................ח

מִיט וָואס זָאל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ?......................................ט

דִי זְכוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת......................................י

רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז......................................י

אַ שָׁאד עֶס זָאל וֶוערְן קַאלְיֶע דִי לִיבְּשַׁאפְט פַאר נַארִישֶׁע גֶעלְט......................................יא

נִישְׁט זַיין קַיין מְחוּצָף, אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט..........יב

קָאמְפְּלֶעקְסֶן..........יב

וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ לַיידְן? אִיךְ פְּלַאן צוּ טַאנְצְן..........יג

פְּרֶעגְן אוּן זִיךְ לֶערְנֶען וִוי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּב..........יד

שָׁלוֹם צְוִוישְׁן שְׁכֵנִים..........יד

מֶען וִויל דִיךְ צוּדְרוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........טו

הֶעלְף דַיין וַוייבּ, זִי זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא..........טז

אַ וֶועג וָואס פִירְט צוּם טוֹיט..........טז

דוּ הָאסְט וָואס צוּ גֶעבְן פַאר תַּלְמִידִים..........יז

מִיטְן נָאכְגֵיין דֶעם קְלוּגְן, קֶען יֶעדֶער מַצְלִיחַ זַיין..........יז

דִיזֵיינֶען אַ שֵׁיינֶע אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי נֵייעֶ שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל..........יח

אַיינְפְּלַאנְצְן דִי שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי קִינְדֶער..........יט

מַאכְן אַ סֵדֶר אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ..........יט

בִּזְכוּת דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען..........כ

אַ מְשׁוּנָה זָאל נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל..........כא

זוּךְ אוֹיף אַלֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט..........כב

זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן..........כג

אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְן, נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע לֶעבְן..........כג

וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל..........כד

פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פַארְדִינְט מֶען נָאר..........כה

דִי חֲשִׁיבוּת פוּן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ..........כו

קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן..........כט

חִלוּל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג..........כט

הֲפָצָה אִיז נִישְׁט גְרֶעסֶער וִוי הֶעלְפְן דִי וַוייבּ..........ל

זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........לא

מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט דִי צָרוֹת..........לב

וואוּ גֶעהֶער אִיךְ? וָואס וִויל אִיךְ?..........לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## גֵיין הַפָּצָה אִין מִלְחָמָה צַייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן קוּנְטְרֵסִים, מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶ', יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס עֶטְלִיכֶע מָאל אַ וָואךְ גֵיין הַפָּצָה. אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיב עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין הַפָּצָה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע צַייט, וֶוען עֶס אִיז דָא פִילֶע וָוארֶענוּנְגֶען אוּן עֶס פְלִיעֶן מִיסְלְס, אוּן עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה; זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין הַפָּצָה ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**קֶענְסְט גֵיין הַפָּצָה, אַזוֹי ווִי אַ הַצָּלָה מַאן מֶעג לוֹיפְן אִין דִי טֶעג רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען גֵיין הַפָּצָה, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; "שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע" (קֹהֶלֶת ח, ה).**

**יֶעצְט בַּיי דִי מִלְחָמָה אִיז גְרִינְגֶער צוּ פּוֹעֵל'ן בַּיי מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. דִי טַייעֶרֶע אִידְן וָואס מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְגֶע'שְׁמַדְ'ט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וֶוערְן יֶעצְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, אִיז עֶס אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין הַפָּצָה, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער**

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער און דִי כֹּחוֹת פון דִי מִילִיטֶער קֶען נִישְׁט הִיטְן, יֶעצְט אִיז אַ גוטֶע צַייט פַאר הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי ווֵייסְט מֶען צִי מֶען הָאט לִיבּ דִי ווַייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ לֶערְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ווֶער אִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעוועֶקְט צוּ ווֶעלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִדַּת הַשִּׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פון דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צום סוֹף פון דֶעם בְּרִיוו] אַז דֶער סִימָן מִיט ווָאס מֶען אִיז זִיךְ בּוֹדֵק אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז - אוֹיבּ מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע; אִיךְ הָאבּ דָאס אַסַאךְ מָאל גֶענוּצְט, ווֶען דֶער יֵצֶר הָרָע פון עַצְבוּת הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעווֶען אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַנְדֶערֶע ווִי זִיךְ אַלֵיין פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוֹיף דֶעם אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר גְרוֹיס.

אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ בּוֹדֵק אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דִי ווַייבּ? ווָאס מֵיינְט "לִיבּ הָאבְּן"? עֶס שְׁטֵייט בַּיי יִצְחָק אָבִינוּ "וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ", ווָאס מֵיינְט "וַיֶּאֱהָבֶהָ"? ווָאס קֶען מֶען טוּן צוּ הָאבְּן דִי "וַיֶּאֱהָבֶהָ" פון דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין אִין דִי ווֶעגְן פון יִצְחָק אָבִינוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַוֶועקְגֶעבְּן טַייעֶרֶע צַייט צוּ הַאלְטְן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת בַּיים לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סוֹף פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק), אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, סז): "וַיְבִאֶהָ יִצְחָק הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ, וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ", יִצְחָק הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט רִבְקָה, "וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק מַאי בָּא לְהַשְׁמִיעֵנוּ", וָואס וִויל דֶער פָּסוּק אוּנְז לָאזְן הֶערְן אַז יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט רִבְקָה? טַייטְשְׁט עֶר, עֶס אִיז דָא צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן זֵיי הָאבְּן לִיבּ דִי וַוייבּ, אֵיינֶער אָבֶּער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט לִיבּ דִי וַוייבּ, עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ, עֶר דַארְף דִי וַוייבּ נָאר אוֹיף צוּ עֶרְפִילְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע פַארְגֶענוּגְן, "נִמְצָא זֶה אֵינוֹ אוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּלַל", עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ זַיין וַוייבּ, נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ נִישְׁט פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע פַארְגֶענוּגְן, נָאר צוּ קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "זֶה נִקְרָא אוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ", דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּק נָאךְ דִי שְׁטִיקְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע בְּרִיוְון אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה, אַז אוֹיבּ מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָּׁה; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן, פַארְן מִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז דִי עֶבְטֶע סְחוֹרָה אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן שְׁלוֹם בַּיִת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט, מֶען זֶעט דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט, יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים (בְּרֵאשִׁית מ, ז): "מַדּוּעַ פְּנֵיכֶם רָעִים הַיּוֹם", פַארְוָואס אִיז עֶנְקֶער פָּנִים אַזוֹי שְׁלֶעכְט? עֶנְק זֶענֶען אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס זָאל אָנְגֵיין יוֹסֵף אַז צְוֵויי גוֹיִם טְמֵאִים פוּן תְּפִיסָה זֶענֶען צוּגֶעלֵייגְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן קַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וַוייל וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ - קֶען נִישְׁט לַיידְן צוּ זֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין עַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם לט, ב): "וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ", יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ מַצְלִיחַ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ד) עֶר אִיז גֶעוֶוען: "גֶּבֶר קַפּוֹז", לִיסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג.

דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן שִׂמְחָה, אַז מֶען מַאכְט אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ; אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּבּ, מֶען שְׁמֵייכְלְט אוּן מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל אוּן אִין אַרְבֶּעט אוּן וואוּ אִימֶער מֶען גֵייט גֶעבְּט מֶען יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יִסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם, "וּלְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵק", אוּן מְחַיֶּ' זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט קַיין קְלֵיינִיקֵייט, "כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי בְּרוֹקָא אוֹיפְן גַאס, הָאט עֶר אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן

אֵיינֶעם, און וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

### וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חיזוק, אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען בְּרֶענְגְט מֶען רֶעגְלְמֶעסִיג דִי קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, און אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶעס מָאל פְרִישֶׁע חִיזוּק און גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת, און עֶס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, מִיט גֶעזוּנְט און נַחַת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִין דִי פְּלַאץ פוּן וואוּ אִיךְ קוּם אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ רֶעדְן בִּכְלַל וֶועגְן קְדוּשָׁה, אֶפְשָׁר דָא דָארְט אַ רֶמֶז וֶועגְן דֶעם, אָבֶּער נִישְׁט גֶעהֶערִיג.

מַיין זוּן וֶוערְט בַּר מִצְוָה, און אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט אִים און אִים מַדְרִיךְ זַיין, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו וֶועגְן דֶעם אִינֶעם גִּלְיוֹן אָדֶער אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, און אַזוֹי וֶועל אִיךְ עֶס קֶענֶען גֶעבְּן פַאר מַיין זוּן צוּ לֵיינֶען? אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס וֶועט אִים אַסַאךְ הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ זוּן וָואס אִיז אַבִּיסְל יוּנְגֶער, אֶפְשָׁר קֶען דִי בְּרִיוו זַיין גוּט אוֹיךְ פַאר אִים, אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְף מֶען פַאר אִים אַן אַנְדֶערֶע נוּסָח?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי בֶּעסְטֶע וֶוערְטֶער אִיז רֶעדְן פְּשׁוּט'עֶ וֶוערְטֶער, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן, אוּן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבֵירָה בַּיים מַבּוּל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ו, יב): "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ" וְגוֹ'.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דִי בַּר מִצְוָה, וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג דַארְף מֶען זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ צוּ פִירְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, וַוייל נָאר אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי וֵוייסְן זֵיי, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט - פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

רֶעד נִישְׁט מֶער פוּן דִי וֶוערְטֶער, כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ, רֶעדְן אִיבְּרִיג פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, נָאר זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל "מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג", "מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן", אוּן אוֹיךְ רֶעדְן צוּ זֵיי אַז אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה אַ צְוֵוייטֶער קוּמְט אוּן ווִיל מְטַמֵּא זַיין - זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - פּוֹעֶל'ט עֶס, זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זַיין הֵיילִיג.

וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מְלַמְּדִים זַיינֶע אַז מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד, אוּן וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי רַבָּנִים הָאבְּן אַריינְגֶעפְרֶעגְט אַז אֶפְשָׁר זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אֶפְשָׁר וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען אַז מֶען וֶועט רֶעדְן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, קוּקְט אַריין אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח), אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד מִיט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, נָאךְ אַ

יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, פַּארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָּהוּ, פַּארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן?" הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט וֵוינֶען, וַוייל עֶס אִיז זֵיי זִיךְ גֶעקוּמֶען, "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט, דָא זֶעט מֶען אַז דִי מְלַמְּדִים מוּזְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אַז אִיר הָאט מוֹרָא בַּיינַאכְט אוּן אִיר גֵייט אִין אַייעֶר טַאטֶע-מַאמֶע׳ס שְׁטוּבּ שְׁלָאפְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער טוּעֶן, מֶען גֵייט אִין דִי עֶלְטֶערְנְ׳ס צִימֶער פוּן דִי שְׁרֶעק פוּן בַּיינַאכְט.

טוּט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כָּל כִּתְבֵי), אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי פְלֶעגְט זָאגְן דִי פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע: ״יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן, אֹמַר לַה׳ מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹקַי אֶבְטַח בּוֹ״, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט בַּיינַאכְט, אוּן דָאס הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי פְּחָדִים פוּן אִים.

יֶעדֶע נַאכְט פַאר אִיר גֵייט שְׁלָאפְן זָאלְט אִיר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן חַזֶר׳ט זִיךְ אֵיין: ׳קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר׳ - וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאצָאלְן מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען פָאךְן קַיין אוּמַאן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ אָוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ פָּאנְדֶעיִשְׁן, גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פָאךְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מוֹהַרְנַ"שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן דֶעם קֵיין חָסִיד, קוּק נָאךְ אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתקלז), וִוי מוֹהַרְנַ"שׁ זָאגְט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי דַארְף נִישְׁט קַיין בַּאצָאלְטֶע סָאלְדַאטְן, עַיֵּין שָׁם.

אַז דוּ ווִילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה - זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וואוּ דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ שְׁטֵיי אוּן פְּלָאג זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַאר 'דַיין' מוֹסָד, 'דַיינֶע' קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים; אִיז וָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הֶעלְפְן דַיין אֵייגֶענֶע מוֹסָד.

זֶעט אוֹיס מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּ' צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס חֶדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט זַיין אַ גֶט, אוּן דוּ בִּיסְט אִינְדֶערְמִיט, דוּ בִּיסְט יוּנְג, דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אוּן אַלֶע שְׁלֶעפְּן דִיךְ זָאלְסְט זַיין אוֹיף זֵייעֶר זַייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מִיט לִיבְשַׁאפְט אָן קֵיין קְרִיגֶערֵייעֶן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן דִי

עֶלְטֶערְן, דוּ זַיי מְכַבֵּד בֵּיידֶע, אוּן אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ אַרַיינְצוּדְרֵייעֶן צוּ נֶעמֶען אַ צַד - זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה יֶעדְן אוֹיסְהֶערְן אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן גֶערֶעכְט, בֵּיידֶע זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט מִיט זֵיי, אוּן מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי וַואסֶער. אִין לֶעבְּן דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַסַאךְ וַואסֶערְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס מִיט דִי זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּערְגֶער אוּן דֶעם אָרֶעמַאן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י׳); ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁווִימְט אַרִיבֶּער דִי וַואסֶערְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, עֶר בְּלַייבְּט שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּן עֶנְקֶער שְׁנִיט קוּמְט אַרוֹיס דֵיימַאנְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה פוּן עֶנְק, צוּ זֶען ווִי עֶנְק גֵייעֶן אָן, עֶנְק וֶוערְן נִישְׁט צֶעפַאלְן. עֶנְק דֶערְמַאנֶען מִיר דִי וָוארְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מְטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ווִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת - הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען ווִי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן, ווַייל

נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, און דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד. אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע וָואס עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער און עֶנְק זֶענֶען וַוייטֶער פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וַוייטֶער זַיין גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי'ן, אִים וַוייטֶער הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים, דוּ בַּיי דִי מֶענֶער און אִיר בַּיי דִי וַוייבֶּער, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הֲנָאָה און אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן עֶנְק.

פוּן עֶנְקֶער שְׁנִיט קוּמְט אַרוֹיס אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה'), דֶער צַדִיק הָאט אָנְגֶעווִינְטְשְׁן דֶעם מֶלֶךְ עֶר זָאל הָאבְּן אַ זוּן וָואס וֶועט זַיין בְּלוֹיז פוּן דֵיימַאנְטְן און טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, און מֶען הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, און וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִים בַּאנְדַאזְשִׁירְן הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַן אֶבֶן טוֹב; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד פְּשַׁט, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען צֶעשְׁנַיידְט אִים, מֶען שְׁטֶעכְט אִים, מֶען צֶעמָאלְט אִים - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען זַיין הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִיק, וִוי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס דֵיימַאנְטְן, דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ און גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה פוּן עֶנְק, יֶעצְט קוּמְט אַרוֹיס עֶנְקֶער שֵׁיינְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ פוּן זַיין אַ גַבַּאי צְדָקָה פַאר דִי כּוֹלֵל, אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע כּוֹלֵל וואו עֶס זִיצְן אִינְגֶעלַייט און לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה - הֲלָכָה. דֶעם זוּמֶער וֶועלְן דִי אִינְגֶעלַייט זִיךְ פַארְהֶערְן בַּיי

רַבָּנִים און דַיָּנִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר, גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת, און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועלְן זֵיי אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יוֹרֶה דֵעָה חֵלֶק א׳.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט דִי כּוֹלֵל פוּן דִי מִנְיָנִים קֶענְסְטוּ וַויְיזְן פַאר דִי תּוֹמְכִים פוּן דִי פֶענְסְטֶער פוּן דִי אַלְטֶע שׁוּל, זָאלְן זֵיי זֶען דִי הַתְמָדָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט און הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ הֶעלְפְן דִי אִינְגֶעלַייט.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ (תַּמּוּז) וֶועל אִיךְ נִישְׁט מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט דִי תּוֹמְכִים וָואס הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל, הֱיוֹת אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט. זוּנְטָאג בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין שְׁטֶעטְל צוּ דִי חוּמָשׁ סְעוּדָה פוּן מַיין עֶרְשְׁטֶע און עֶלְצְטֶע אֵיינִיקְל, נַחְמָן נָתָן בֶּן בְּנִי שְׁלֹמֹה, און נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מַאנְהֶעטְן, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער חֲקִירוֹת וּדְרִישׁוֹת אוֹיף גֶעלְטֶער פוּן דִי מוֹסָד וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעבְּן מִיט יָארְן צוּרִיק, און יֶענֶער הָאט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט וְכוּ׳. מֶען הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט צְוֵויי שָׁעָה, און הַיינְט נֶעם אִיךְ אַרוֹיס מַיין מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל פַארְן זוּמֶער, און מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אִין בֵּית פֵיגָא אוֹיסְטֵיילְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת תְּעוּדוֹת, און שְׁפֶּעטֶער פָאר אִיךְ צוּרִיק אַרַיין אִין שְׁטָאט צוּ אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד, (אִיךְ גֵיי נִישְׁט הַיינְט צוּ חֲתוּנוֹת, אָבֶּער דִי חֲתוּנָה אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דֶער חָתָן הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן כִּמְעַט צֶען יָאר פַאר דִי מוֹסָד, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ).

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין שַׁיָיךְ צוּ זִיצְן מִיט דִי תּוֹמְכֵי הַכּוֹלֵל, וַוייל רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב גֶעפַאלְט שַׁבָּת. אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶענֶען מִיר מַאכְן צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע סְעוּדוֹת בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט וִויפִיל תּוֹמְכִים עֶס וֶועלְן זַיין.

אַז דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן דַיין טָאג גָאר פְרִי, דַאוְוענְ דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן און הוֹיבּ אָן אַרְבֶּעטְן ווִי פְרִיעֶר. נָאכְמִיטָאג זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאר֞טַייטְשׁ דֶעם חָלוֹם אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְרַאגֶע בְּנוֹגֵעַ דִי חָלוֹם וְכוּ׳.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נה.), וִוי אַזוֹי מֶען פַארְטַייטְשְׁט אַ חָלוֹם אַזוֹי וֶוערְט עֶס; זָאלְט אִיר פַארְטַייטְשְׁן דִי חָלוֹם נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְט חַס וְשָׁלוֹם, נָאר אַדְרַבָּה, פַארְטַייטְשְׁט עֶס אוֹיף לֶעבְּן, מֶען וֶועט אִים רוּפְן חַיִּים, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאכְן טַאטְן, דָאס מֵיינְט לֶעבְּן, דֶער קִינְד וֶועט זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְד וָואס וֶועט יֶעדְן מַאכְן לֶעבְּן.

גֶעבְּט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, נֶעמְט אִין שְׁטוּבּ אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, (עֶס וָואלְט גוּט גֶעוֶוען אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע וָואס גֵייט פַארְן רֶבִּי'ן, צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן), אוּן בַּיים לֵייגְן דִי פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נָאר זַיין שִׂמְחוֹת אוּן גוּטֶע מַזָל בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז דַיין וַוייבּ אַרוֹיסְגֵיין אָן דִי בֶּעבִּי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דַיין וַוייבּ גֵייט צוּ אַ שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט שִׁיקְן מִיט דִי בֶּעבִּי, שִׁיק אִיר אָן דִי בֶּעבִּי, עֶס קוּמְט אִיר דִי בִּיסְל צַייט זִיךְ צוּ קֶענֶען כַאפְּן אִיר אָטֶעם פוּן אַרְבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַרוּם דִי זֵייגֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אַז זִי וִויל אַמָאל גֵיין צוּ אִיר מַאמֶע אָדֶער אַיינְקוֹיפְן, זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. לָאז אִיר גֵיין אָן דִי בֶּעבִּי, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי בֶּעבִּי, זָאג מִשְׁנָיוֹת מִיט דִי בֶּעבִּי, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיט דִי בֶּעבִּי, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי בֶּעבִּי.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וִויפִיל דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט דִי

קִינְדֶער, מִיט וַוארְטְן, גֶעבּוֹירְן, גֶעבּוֹירְן, אוֹיפְהָאדֶעוֶועןַ וְכוּ׳ וְכוּ׳, ווִיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

...

### פְרֵיילִיךְ מַאכְן, שְׁמֵייכְלֶען אוּן בַּאגְרִיסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, תשפ״ה

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ...**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן דִי ווִילְן פוּן מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הֶערְלִיכֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, שְׁמֵייכְלֶען, בַּאגְרִיסְן, וְכַדוֹמֶה. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַסַאךְ אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט קֶען מֶען זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְן אַלֶע קַשְׁיוֹת וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָ׳ לב, יז): ״וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם״, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עַיֵּין וַיִּקְרָא רַבָּה לד, טז), וָואס הָאט צְדָקָה מִיט שָׁלוֹם? נָאר דֶער צֶעבְּרָאכֶענֶער אָרֶעמַאן (בְּדַעַת) גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף צַדִיקִים, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי צְדָקָה (אַ שְׁמֵייכְל), מַאכְט מֶען שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

...

### הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער וָואךְ נָאךְ וָואךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט נֶעכְטְן דִיךְ צוּ זֶען בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, דָאס אִיז אַ בַּאוַוייז אַז דוּ בִּיסְט מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי׳ן, דָאס וַוייזְט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, וַוייל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים רֶעדְט מֶען דָאךְ נָאר פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן,

ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען קוּמְט צוּ דִי שִׁיעוּרִים וֶועט מֶען בַּיים סוֹף מוּזְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין צוּ דִי פְּרוּיעֶן צַאמְקוּם, וַוייל אַז מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, יָאר נָאךְ יָאר, אֲפִילוּ אֶבֶן אַ שְׁטֵיין, נִמּוֹחַ, וֶועט צֶעלָאזְט וֶוערְן, אוּן מֶען גֵייט בֵּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע.

...

## דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִיז דִי פָּארֶעם פוּן זַיין אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, תשפ"ה

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אוּן אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג, אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. מֶען דַארְף חִיזוּק זִיךְ אַוֶועק צוּ זֶעצְן לֶערְנֶען, אָבֶער אֵיינְמָאל מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, וַוייל דָאס אִיז דִי פָּארֶעם פוּן זַיין אַ אִיד אוּן בְּלַייבְּן אַ אִיד, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, תשפ"ה

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן. וֶועסְט נָאךְ גֶענוּג אַרְבֶּעטְן, וֶוען דוּ וֶועסְט חַתוּנָה הָאבְּן וֶועסְטוּ דַארְפְן בְּרֶענְגֶען

פַּרְנָסָה, יֶעצְט זָארְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן פַאר דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן דִיר אַלֶעס, אִיז אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה, דִי פָּאר יָאר יְשִׁיבָה לֶערְנְט אוֹיס וִוי צוּ לֶעבְּן אוּן וִוי צוּ קֶענֶען שְׁווִימֶען אִין דִי שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן.

קוּם צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל זַיין דַיין שַׁדְכָן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן הֶערְן דִי נֵייעֶס, מֶען וֶוערְט פַארְקְלָאצְט אוּן פַארְשְׁטֵייפְט.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

...

## מִיט וָואס זָאל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אוּן אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

מִיט דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּב קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ צְווִינְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. טַאנְץ מִיט דַיינֶע

קִינְדֶער, מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ קֶענְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן ׳מִיט וָואס זָאל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער וְכוּ׳; דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז בַּאלְד וֶועט זַיין גוּט, דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ב.): ״אַף עַל פִּי שֶׁמֵּצֵר הוּא עַכְשָׁו שָׂמֵחַ הוּא לְאַחַר זְמַן״, אֲפִילוּ עֶס אִיז עֶנְג יֶעצְט, אָבֶער נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין זֵייעֶר גוּט, אוּן דָאס דַארְף שׁוֹין יֶעצְט מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי זְכוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער...

בִּזְכוּת וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, עֶנְק נֶעמֶען אַרַיין... וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען יְשׁוּעוֹת, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): ״הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים״, דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים הֶעלְפְט מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

...

## רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ זֶע וִוי עֶס גֵייט דִיר אַזוֹי אִין לֶעבְּן צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג פַאר אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.

נֶעם זִיךְ פָּאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל בַּיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, אוּן אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס וויכְטִיג צוּ רֶעדְן זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל, אִין שׁוּל רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; וֶועסְטוּ זֵייעֶר שְׁנֶעל הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.

עֶס וֶועט זַיין שְׁוֶוער נָאר אִין אָנְהוֹיבּ, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶועסְטוּ זֶען וִוי גְרִינְג עֶס אִיז נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, דָאס בְּרֶענְגְט גְרוֹיס וואוּנְדֶער.

...

## אַ שָׁאד עֶס זָאל וֶוערְן קַאלְיֶע דִי לִיבְּשַׁאפְט פַאר נַארִישֶׁע גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ דַיין וַוייבּ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן פַאר דִי קִינְדֶער - קְלֵיידֶער, מַאךְ נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ, פַארְלַאנְג נִישְׁט אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי גֶעלְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״גֶעלְט אִיז רִינְדֶעכִיג, עֶס גֵייט אוּן עֶס קוּמְט״, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבַּר רַבָּה כב, ח), פַארְוָואס רוּפְט מֶען עֶס ״זוּז״? וַוייל עֶס גֵייט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אָן דִי גֶעלְט שְׁטַארְק, מֶען לָאזְט עֶס נִישְׁט אַוֶועק, שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ דִי שֶׁפַע, עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין פְרִישֶׁע.

אִיךְ זֶע אַז בַּיי דִי זַאךְ וֶוערְט אַ רִיס אִין עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט, אַ שָׁאד אַ שָׁאד עֶס זָאל וֶוערְן קַאלְיֶע דִי לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי נַארִישֶׁע גֶעלְט.

...

## נִישְׁט זַיין קַיין מְחוּצָף, אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס גֵיין צוּ דַיין שְׁוֶוער וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוּן שְׁלָאגְט אוּן וַוארְפְט אַ פַּחַד - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר דִיר אוּן בְּעִיקָר פַאר דַיין וַוייבּ, עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶנ׳ט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמ, סְעִיף י), אַז אִין אַזַא פַאל דַארְף מֶען זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן אִין אַ צְוֵייטֶע פְּלַאץ. אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט צִי זִיךְ אַוֶועק פוּן דִי שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אֵיינֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ כְּלוֹמְרְ׳יש אַ רָב - זָאל זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן צוּ זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער... שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן, סְטְרַאשֶׁען, צֶעבְּרֶעכְן כֵּלִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁרֶעקְן, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט אוּן גֶעפַּייִנִיגְט.

אַ מְחוּצָף זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין, אָבֶער גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעדְרוּקְט פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן.

...

## קָאמְפְּלֶעקְסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע קָאמְפְּלֶעקְסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער וָואס פַאלְט אַרַיין מִיט דִי יֵצֶר הָרָע פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, פוּן לֶעבְּן מִיט קָאמְפְּלֶעקְסְן - אִיז זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ; נָאר אֵיין עֵצָה אִיז דָא, גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

טֵייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶועֶ מִיךְ, הֵייל מִיךְ אוֹיס, דִי קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיר, דִי קָאפּ שְׁווִינְדְלְט מִיר, יֶעדֶע זַאךְ טְרַאכְט אִיךְ 'יָא' 'נֵיין', דִי מֹחַ אִיז מִיר צֶערוּדֶערְט, הֵייל מִיךְ אוֹיס, גֶעבּ מִיר יִשּׁוּב הַדַּעַת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נָאר דִיר גֶעפֶעלְן, אִיךְ זָאל נָאר דִיךְ דִינֶען, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי גַּאֲוָה, וַוייל דָאס טְרַאכְטְן פוּן מִיר אַזוֹי סַאךְ דָאס לָאזְט מִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, נָאר דִיךְ וֶועלְן, נָאר דִיךְ דִינֶען", וְכוּ' וְכוּ'.

...

### ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ לַיידְן? אִיךְ פְּלַאן צוּ טַאנְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֵיינֶער שִׁיקְט מִיר אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פָארִיגֶע וָואךְ: "אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ לַיידְן, אִיךְ פְּלַאן צוּ טַאנְצְן..."

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר אַ רֶגַע דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ טְרַאכְט 'אוֹי וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא, וֶועם זָאל אִיךְ רוּפְן? אַז אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אָדֶער זָאגְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אִיז דָאךְ יֵשׁ דְבָרִים בְּגוֹ...'

אַ סֶעקוּנְדֶע שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי מֶעסֶעדְזְשׁ: "אַ קַאדַאטְשְׁקֶע...", אִיךְ פְּלַאן צוּ טַאנְצְן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע עֵצָה וֶוען מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ; צוּ טַאנְצְן אַ רִקִידָה'לֶע: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁיֵּשׁ לָנוּ רֶבִּי כָּזֶה", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## פְּרֶעגְן און זִיךְ לֶערְנֶען ווִי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר נִישְׁט אַוֶועק מִיט דֶעם וָואס זִי הָאט טוֹיזְנְט שְׁאֵלוֹת צוּ פְּרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט זִי ווִיסְן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, און אַז אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס זָאגְן אִיר אַז זִי זָאל נִישְׁט פְּרֶעגְן, זָאל זִי טוּן וַוייטֶער וָואס אִיז גוּט פַאר אִיר, ווַייל דִי זַאךְ פוּן פְּרֶעגְן שְׁאֵלוֹת - אִיז בַּיי יֶעדְן אַנְדֶערְשׁ; אֵיינֶער הָאט שְׁאֵלוֹת און אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת, דָאס הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס נַאטוּר און יֶעדְנְ׳ס מֹחַ, און אַז אִיר מֹחַ וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיין, זִי הָאט מֶער סְפֵיקוֹת - זָאל זִי פְּרֶעגְן און פְּרֶעגְן בִּיז זִי וֶועט ווערְן אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט ווִי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ, דִי חִינוּךְ, דִי שָׁלוֹם בַּיִת, טַאטֶע מַאמֶע וְכוּ׳.

קֶענְסְט קוּמֶען מִיט אִיר וֶוען דוּ ווִילְסְט און ווִיפִיל דוּ ווִילְסְט, פְּרֶעגְן און זִיךְ לֶערְנֶען ווִי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ, און זָאלְסְט נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי דוּ מַאכְסְט נֶערְוֶועז אָדֶער דוּ הַאלְסְט אוֹיף מַיין צַייט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״, דֶער וָואס שֶׁעמְט זִיךְ צוּ פְּרֶעגְן וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

...

## שָׁלוֹם צְווִישְׁן שְׁכֵנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אַז דַיינֶע שְׁכֵנִים מַאכְן אַ קְלֵיינֶע סְווִימִינְג פּוּל וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁווִימֶען, טֶעכְטֶער מִיט זִין, וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן.

מֶען דַארְף מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סְווִימִינְג פּוּל פַאר דִי זִין און אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פַאר דִי טֶעכְטֶער, אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין, ווַייל צְנִיעוּת אִיז אוֹיךְ בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן עֶנְק, און אַז דִי שְׁכֵנִים

מַאכְן אַנְדֶערְשׁ וִוי דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט, וַוייל נָאר דָארְט וואו עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם - רוּט דִי שְׁכִינָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם וואו מֶען קְרִיגְט זִיךְ - אִיז דִי שָׂטָן דָארְט.

אַז דִי שְׁכֵנִים בָּארְגְן זַאכְן אוּן פַארְגֶעסְן צוּ בַּאצָאלְן; אִיז דָאס אַ קְלֵיינִיקֵייט, וִוי לְמָשָׁל אַ פֶּעקְל בּוּנְדְלֶעךְ, אַ בַּאנַאנַא וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ מוֹחֵל זַיין.

...

## מֶען ווִיל דִיךְ צוּדְרוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרְער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער גֶעטְרֵייעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט מִיט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט וְכוּ׳, אוּן עֶס קָאסְט דִיר וְכוּ׳, אוּן דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין וֶועג; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, דָאס מַאכְט מֶען סְפֶּעצִיעֶל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַאר דִיר, מֶען ווִיל דִיךְ צוּדְרוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאסְטוּ גְרוֹיס הַצְלָחָה, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט הַצְלָחָה קֶען מֶען זִיךְ אַמָאל פַארְגֶעסְן פוּן וואו דִי הַצְלָחָה קוּמְט, מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַיינְרֶעדְן אַז "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה" (דְּבָרִים ח, יז), אַז מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען, מֶען טוֹיגְט, מֶען אִיז קְלוּג וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז מֶען זֶעט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, מֶען לִיגְט מִיט גֶעלְט אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְטְן, מוּז מֶען גֵיין אִין אַ ווִינְקְל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס צֶעפַאלְט דִי דִמְיוֹנוֹת אַז מֶען קֶען אַלֵיין, מֶען אִיז מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת, בִּיז עֶס וֶוערְט צוּרִיק גוּט.

קוּק צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען אַז שְׁטֶענְדִיג אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען; אָט אִיז אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען וִוי גֶעפְּלַאנְט, אוּן אָט הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז מֶען גֵייט בַּאנְקְרָאטִירְן אוּן מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶס אִיז צוּרִיק גוּט גֶעוָוארְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אַסַאךְ.

...

## הֶעלְף דַיין וַוייב, זִי זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וויל דיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא, דִי מְנַהֶלֶת דַארְף אִיר הָאבְּן, זִי זָאגְט אַז זִי טוּט דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר גֶעטְרֵייַ און זֵייעֶר צוּם זַאךְ.

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין דַיין סֵדֶר הַיוֹם אִיר אַהֵיים נֶעמֶען פוּן בֵּית פֵּיגָא, גְלַייךְ וֶוען זִי עֶנְדִיגְט אִיר אַרְבֶּעט; וַוייל דָאס אַהֵיים פָּארְן אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער און עֶס נֶעמְט צַייט, און אַז דוּ וֶועסְט אִיר אַהֵיים נֶעמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט וֶועט זִי אָנְקוּמֶען פְרִיעֶר אִין שְׁטוּבּ, זִי וֶועט הָאבְּן צַייט פַאר זִיךְ און פַאר דִי שְׁטוּבּ, אֵיידֶער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מַאמֶע וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּן צַייטְלִיךְ, אָבֶער פַארְגֶעס נִישְׁט, דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַן אַרְבֶּעט, דָאס אִיז בַּאדִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אוּנְזֶער ״בֵּית פֵּיגָא סְקוּל״ - זֶעעֶן הַצְלָחָה, און דִי שְׂכַר אִיז לָנֶצַח נְצָחִים.

...

## אַ וֶועג וָואס פִירְט צוּם טוֹיט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

דַיין וַוייבּ וויל ווִיסְן אוֹיבּ אִיז כְּדַאי צוּ קוּקְן קְלִיפְּס, פַּאדְקֶעסְט וְכוּ׳, זִי זָאגְט אַז זִי אִיז לַאנְגְוֵוייליג (בָּאוֹרְד), זִי ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל דָאס נִישְׁט טוּן. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי טז, כה): ״יֵשׁ דֶרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ״, עֶס אִיז פַארְהַאן אַ וֶועג וָואס זֶעט אוֹיס גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער: ״וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת״, צוּם סוֹף אִיז עֶס אַ וֶועג וָואס

פִּירְט צוּם טוֹיט; מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פִּירְט צוּם גֵיהִנוֹם.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן מִיט וָואס זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן אוּן אַוֶועק נֶעמֶען דָאס גֵיין לֵיידִיג, מִיט טוּן חֶסֶד וְכַדוֹמֶה, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם קוּקְן קְלִיפּוֹת, מָאוִויס; אֲפִילוּ פוּן עֶרְלִיכֶע.

בִּזְכוּת וָואס עֶנְק וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן, אוּן נִישְׁט הֶערְן וְכוּ׳, וֶועלְן עֶנְק גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

...

## דוּ הָאסְט וָואס צוּ גֶעבְן פַאר תַּלְמִידִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אִין דִיר אַז דוּ קֶענְסְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער, אִיךְ זֶע דִיךְ פַאר אַ מְלַמֵּד, דוּ הָאסְט וָואס צוּ גֶעבְן פַאר תַּלְמִידִים, וַוארֶעמְקֵייט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תּוֹכָן אוּן הַארְץ צוּ גֶעבְן פַאר תַּלְמִידוֹת.

גֶעבּ זִיךְ אַיין פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן דַיין וַוייבּ אַלְס אַ טִיטְשֶׁער, לֵייג אַרַיין דַיין פְּלָאג אוּן מִי אִין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִין זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְן. וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אוּן דִי תַּלְמִידִים מַאכְן אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אוּן בְּרֶענְגֶען דוֹרוֹת, אוּן דִי דוֹרוֹת בְּרֶענְגֶען וַוייטֶער דוֹרוֹת, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר אוּן נִצְחִיוּת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה.

...

## מִיטְן נָאכְגֵיין דֶעם קְלוּגְן, קֶען יֶעדֶער מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט אַזוֹי גוּט גֶעזָאגְט, אַז דַיין גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מַאכְט דִיךְ אָנְגֵיין אִיז

דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סז, וְוער עֶס פָאלְגְט דִי בַּעֲלֵי שֵׂכֶל, אֲפִילוּ עֶר אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מְשׁוּגַעַתְ'ן - פָאלְט אַלֶעס אַוֶועק; וַוייל דוּ אַלֵיין אָנֶעם רֶבִּי'ן וָואלְסְט שׁוֹין לַאנְג אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט דִיךְ אָנְגֵיין אִיז דִי חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן "מֵאַחַר שֶׁהַגָּדוֹל מִמֶּנּוּ אוֹמֵר לוֹ שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת כֵּן, בְּוַדַּאי מִתְבַּטֵּל כָּל הַשִּׁגָּעוֹן שֶׁלּוֹ".

בְּרוּדֶער, מִיט דִי שִׂיחָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער בַּעַל שֵׂכֶל, אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע ווערְטֶער כִּי הוּא זֶה, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט: "גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", דַארְפְן מִיר אִים גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז אַזוֹי אִיז עֶס.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## דִיזַיינֶען אַ שֵׁיינֶע אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ פַאר דִי נַייעֶ שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט דִיזַיינֶען אַ שֵׁיינֶע אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ פַאר דִי נַייעֶ שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל זָאלְסְט מַאכְן הֶעכֶערְן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קְרוֹין, אוּן הֶעכֶער דִי קְרוֹין זָאל שְׁטֵיין אִין גְרוֹיס: "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל".

זָאלְסְט מַאכְן דִי אוֹתִיּוֹת גָאר גְרוֹיס, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע זֶען אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל דָּבָר וָואס שְׁטֵייט אוּן קָאנְוִוינְסְד אַלֶעמֶען מֶען זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין; וֶועט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט מֶען תְּשׁוּבָה טוּן; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין מִיר וֶועט מֶען וֶוערְן כַּקָּטָן שֶׁנּוֹלַד אוּן תְּשׁוּבָה טוּן".

גֵיי אַ טֶענְצְל נָאךְ שַׁחֲרִית, לְכַתְּחִילָּה טַאנְץ מִיט אַנְדֶערְע און בְּדִיעֶבֶד גֵיי אַלֵיינְס אַ טֶענְצְל.

...

## אַיינְפְלַאנְצְן דִי שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט בֵּית פֵיגָא סְקוּל הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, שִׂיחוֹת פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, סֵפֶר הַמִּדּוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט גָאר אַסַאךְ אוֹיף לֶערְנֶען פוּן רֶבִּי׳ן, מִיט דִי צַייט אִיז דִי סְקוּל גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער, און מִיט דִי צַייט וֶועט עֶס וֶוערְן נָאךְ גְרֶעסֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ אָנְהַאלְטְן דִי לִימוּדִים מִיט דִי תַּלְמִידוֹת, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר; אַיינְפְלַאנְצְן דִי שֵׂכֶל און חָכְמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶער זוּן ..., אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ׳ צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְפְרִי דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ הָאף צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים נָאךְ שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, עֶר הָאט גָאר גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת און גוּטֶע מִידוֹת, עֶר וֶועט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען מָארְגְן מְחַזֵּק זַיין אַלֶע טִיטְשֶׁערְס פַאר דִי זוּמֶער הוֹיבְּט זִיךְ אָן.

...

## מַאכְן אַ סֵדֶר אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מַאכְן אַ סֵדֶר

אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע וָואס ווילְן קוּמֶען זיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין. זַיי מוֹדִיעַ פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי צֶען וָואךְ וָואס אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל קֶענֶען זֵיי קוּמֶען פְרֶעגְן אוּן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין אוּן מִיט הַארְץ צוּ אַלֶעמֶען, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ פּוֹסֵעַ עַל רָאשֵׁי עַם יִשְׂרָאֵל, גֶעב יֶעדְן אֵיינֶעם דִי גֶעפִּיל מֶען זָאל קֶענֶען פְרֶעגְן אַלֶע פְרַאגֶעס אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן בַּאקְוֶועם צוּ אַלֶעס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן.

אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן אַ לְוַיָ׳, מַיין שְׁוָואגֶער נֵרוֹ יָאִיר הָאט פַארְלוֹירְן אַ טַייעֶר קִינְד פוּן צְוֶועלְף יָאר. בַּיי דִי לְוַיָ׳ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין טַייעֶר פָאלְק, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פוּן קֶענֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי טַייעֶר אוּן אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען דַארְף נָאר דֶעם צַדִּיק זָאל אַרַיין בְּלָאזְן רוּחַ חַיִּים, אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע זָאלְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ.

דוּ זָארְג נִישְׁט פַאר מַיין צַייט, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זִיצְן בִּיזְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

...

### בִּזְכוּת דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר שְׁרַייבְּט כְּסֵדֶר בְּרִיווּ, וָואס קֶענְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל? ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן, הֱיוֹת מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם נֵייעֶם שׁוּל מִיט דִי נֵייעֶ וַוייבֶּער שׁוּל, אֶפְשָׁר ווִילְט אִיר הֶעלְפְן מִיט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז אִין שׁוּל רֶעדְט מֶען נִישְׁט,

און אויב חַס וְשָׁלוֹם מֶען רֶעדְט, וֶוערְט פַאַרְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיעֶרְן, מֶען אִיז גּוֹרֵם אַז דִי תְּפִלּוֹת זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי וַוייבֶּער שׁוּל בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה דַארְף אַ תִּיקוּן, עֶס אִיז נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ דַארְפְן פַארְשְׁפַּארְן דִי וַוייבֶּער שׁוּל.

אִיז אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם, רֶעדְן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ און וַוייבְּלֶעךְ זֵיי זָאלְן קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעמַאכְט צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער, אֵיין שְׁטוּב אַזוֹי ווִי אַ פָּאלִישׁ, פַאר דִי וָואס קוּמֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, נָאר קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, און דִי אִינֶעוֵוייניִגְסְטֶע צִימֶער (גַאלֶערִי) - נָאר פַאר דִי וָואס ווִילְן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, בֶּעטְן פַאר דִי דוֹרוֹת און פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

הַלְוַואי וֶוען מִיר וֶועלְן קֶענֶען זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן אַ וַוייבֶּער שׁוּל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז בִּזְכוּת דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, אַ וַוייבֶּער שׁוּל וואוּ מֶען קוּמְט נָאר פַאר תְּפִלָּה, פַאר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַ מְשׁוּנָה זָאל נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער...**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם שַׁבָּת בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל, ווִי עֶר אִיז אַרוּם גֶעלָאפְן מִיט אַ מֶעסֶער און גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר אִיז מָשִׁיחַ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זָאג אִים אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "מְשׁוּנָה קֶרֶן חֲצִי נֶזֶק", אֵיינֶער וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף מְשׁוּנָה, אַנְדֶערְשׁ, חֲצִי נֶזֶק, אִיז שׁוֹין אַ שָׁאדְן, מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶענוּג מַחֲלֹקֶת אוֹיף אוּנְז, מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת און לְשׁוֹן הָרָע, וָואס פֶעלְט אוֹיס אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט און שֶׁעלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיין אַ גַבַּאי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַ גַבְּאַי פַאֹרְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין אַרְבֶּעט, אוּן דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן לְנֶצַח נְצָחִים.

...

## זוּךְ אוֹיף אַלֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאֹרְן הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים, זֵיי מְחַזֵק זַיין מִיט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיט מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי בָּחוּרִים, קִינְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן מֶער אִין יְשִׁיבָה, זֵיי אוֹיפְזוּכְן, זֵיי אַנְטְקֶעגְן גֵיין, זֵיי גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, וַוייל עֶס שְׁנַיידְט מִיר אִין הַארְץ וֶוען אִיךְ זֶע וִוי קִינְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וִוי זֵיי קוּמֶען נִישְׁט, וִוי קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף זֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר מִיט דֶעם פְּרַט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט הַיינְט דָאס אַלֵיין צוּ טוּן. אָנְהוֹיבּ יְשִׁיבָה וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף מִיר קַיין אַרְבֶּעט, נָאר דִי יְשִׁיבָה, בִּין אִיךְ זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען, זֵיי אוֹיפְגֶעזוּכְט, הַיינְט וֶוען דִי קְהִילָה וַואקְסְט מוּז אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט זָאלְן מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט. בֶּעט אִיךְ דִיר, אָנָּא רַחֵם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, זוּךְ אוֹיף אַלֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט וְכוּ׳.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

## זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּקְנִיפְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת און שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן"**, און אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מְלַמְּדוּת זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, קִיל זִיךְ נִישְׁט אָפּ.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר יָארְן צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, און אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין, און אִיךְ וֶועל דִיךְ וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין.

...

## אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל הֶערְן וָואס דוּ מַאכְסְט, וָואס דוּ טוּסְט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן קַיין קְלִיפְּס פוּן נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ אוֹיבֶּער חֲכָמִים, וַוייל אִין זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער לִיגְט בַּאהַאלְטְן סַם הַמָּוֶת, עֶס זֶעט אוֹיס שֵׁיין, עֶס זֶעט אוֹיס זִיס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, ג): "כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתֵי זָרָה", דִי לִיפְּן וָואס רֶעדְן פְרֶעמְדֶע דֵעוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, צִיעֶן זֵייעֶר, עֶס טְרָאפְּט פוּן זֵייעֶרֶע לִיפְּן זִיסְקֵייט, אָבֶּער "וְאַחֲרִיתָהּ", אִיר סוֹף אִיז, "מָרָה כַלַּעֲנָה", בִּיטֶער, ווִי אַ בִּיטֶערֶע גְרָאז, "חַדָּה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת", עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס בְּרֶענְגְט טוֹיט.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, וַוארְף אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע כֵּלִים אוֹיף

וָואס דוּ קוּקְסְט דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען אַ וואוּילֶע כַּלָּה, אַן אֵיידֶעלֶע זִיסֶע כַּלָּה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע לֶעבְּן, וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן אוֹיף קְלִיפֶּס, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין, הַלְוַואי וֶועסְטוּ מִיר גְלֵייבְּן, אַז דִי עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן אִיז זִיס אוּן שֵׁיין, הַלְוַואי וֶועסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן גֶעטְרוֹיעֶן אוּן פִירְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

דוּ הָאסְט אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע טַאטֶע מַאמֶע, זֵיי זֶענֶען אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר עֶנְטְפֶער מִיר עֶפֶּעס, בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הֶער נִישְׁט קַיין פַּארְקֶעסְט, הֶער נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיס, נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס רֶעדְן פוּן תּוֹרָה, פוּן אֱמוּנָה, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַּארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט אוּן מֶען גֵייט אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז טַאקֶע זֵייעֶר פֵיין, אָבֶער וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַּארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן אַז מֶען דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - דָאס אִיז עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, דָאס אִיז גָאר גוּט.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט פַּאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים, מֶען הָאט אִים גֶעגְרִיסְט "גוּט שַׁבָּת". וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ בֶּלְמוּס, עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶענוּמֶען פוּן דִי מַצָּה פוּן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳דֶער אִיד פָּאפְּט אָפּ אַלֶעמֶען, עֶר זָאגְט אַז עֶר פַּאסְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ גַּנָב, עֶר גַּנְבְ׳עֶט דִי מַצָּה פוּן שְׁטָאט!׳ אָן פְרֶעגְן דֶעם אִיד וָואס גֵייט פָּאר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת: "גַּנָב! פָּאפֶּער!" וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט דֶער מְשַׁמֵּשׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט יֶענֶעם זֵייעֶר מְבַזֶּה גֶעוֶוען. יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אוּנְזֶער הִתְחַזְּקוּת, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וָואלְט עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה"; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַלֶע גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט, דִי קוּנְץ אִיז וֶוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף מִיר, אַלֶע שְׁפֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען מִיךְ מְבַזֶּה - בְּלַייבּ אִיךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶבֶד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פַארְדִינְט מֶען נָאר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען וֵוייניגֶער קִינְדֶער וִויפִיל עֶס לֶערְנֶען בַּיי עֶנְק אִין דִי מוֹסָד, אוּן פוּן דִי פָּאר קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן צֶעפְלִיקְטֶע שְׁטִיבֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם, אוּן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב צוּלִיב דֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט הַזֹּאת נָעֳמִי? מִיט וֶועם זָאלְן מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען? מִיט דִי פַארְעכֶעס? מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע שְׁטִיבֶער? אָבֶּער אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אַז דָאס הָאט נִישְׁט גֶעשַׁאדְט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּינְ׳ס חֵדֶר, אִיךְ

לֵייג זֵיי בֵּין בִּרְכֵּי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוֹיפְן רֶבִּינ'ס שׁוֹיס, און מֶער פון דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, און אַז דַיין ווַייבּ ווִיל אַרוֹיס נֶעמֶען - קֶענֶען עֶנְק אַרוֹיס נֶעמֶען, אִיךְ ווֶעל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז, און אוֹיךְ ווִיל אִיךְ נִישְׁט עֶנְק זָאלְן הַאלְטְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז כְּאִילוּ מִיר אַ טוֹבָה טוּן, אִיךְ קֶען דִיר נָאר זָאגְן אַז פון שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פַּארְדִינְט מֶען נָאר.

ווָאס אִיז דֶען שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן ווָאס צוּ טוּן? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן ווֶעג, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, דוּ זָאלְסְט טוּן ווָאס אִיז רִיכְטִיג, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי חֲשִׁיבוּת פון שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן און ווַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דָאס ווָאס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער ווָאס זָאל הָאבְּן עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים און גְרוֹיסֶע הַארְן הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי כָל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט ווֵייטָאג און כַּעַס, "וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד", און זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען און פַארְדַאֲגֶה'ט, דֶעפְּרֶעסְט און טְרוֹיעֶרִיג, "וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין", אִין דֶעם

אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןפוּן דִי יְסוּרִים - נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן.

טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל וֶוערְן צוּרִיק שָׁלוֹם בַּיִת, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, מֶעק אוֹיס דַיין אֵייגֶענֶע נָאמֶען, דַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חֲדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְתִּינַת עַד דִּיְחַסַּל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָּרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִעַיַּלְתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז וִוילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יָתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ",

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְכוֹן אִתְּתָא דְחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירַתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", הָאבְּן דִי חַבֶרְ'טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְּרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִיר'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְיָתְבָא קַמֵּי אִידְחִילַת מִינֵיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקִית שְׁבַע זִימְנִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כָּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵר גֶעוֶוען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט ווַייגְן אַזוֹינְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ; זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַז אִיר זֶעט אִין סְקוּל זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט סֶעי״ף, זַאכְן וָואס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה - זָאלְט אִיר דָאס זָאגְן פַּאר דִי סֶעקְרִיטֶערִי, אוּן אַז זֵיי לַאכְן זִיךְ אוֹיס זָאלְט אִיר רוּפְן דִי מֶענִידְזְשֶׁער; וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם מֶענִידְזְשֶׁער וָואס זַיין אַרְבֶּעט אִיז, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז, עֶס אִיז זַיין אַחְרָיוּת אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין סַכָּנָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מִיט תְּפִלָּה וֶועט יוֹם טוֹב וֶוערְן דִי שֶׁענְסְטֶע טֶעג, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶע רֶגַע, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ פַּארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם וְכוּ׳ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶועלְן יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּער גֵיין וְכוּ׳ וְכוּ׳״, אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן, עֶס וֶועט וֶוערְן אַ זִיסֶע צַייט, וַוייל אַלֶעס אִיז אִין מֹחַ, אַלֶעס אִיז ווִי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט, אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶוערְט דִי מֹחַ מְסוּדָר.

...

## חִלּוּל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הִיט שַׁבָּת, וֶועיפ נִישְׁט שַׁבָּת. אַז מֶען הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי ווִי מֶען הִיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ג, ט), אוּן אוֹיךְ פַּארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת אִיז כְּכוֹפֵר בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (חוּלִּין ה.).

דִי לֶעקְטֶערִיק צוּגַארֶעטְל אִיז אַזוֹי צִיעֶנְדִיג, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם - קֶען מֶען נִישְׁט אָן דֶעם, אוּן עֶס קֶען פַּאסִירְן אַז מֶען זָאל פַּארְשְׁוֶועכְן דֶעם שַׁבָּת; אִיז שׁוֹין כְּדַאי זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן רֵייכֶערְן דִי צוּגַארֶעטְל אוּן דִי לֶעקְטֶערִיק צוּגַארֶעטְל, וַוייל חִלּוּל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ, הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, הִיט שַׁבָּת, אַזוֹי וֶועט דֶער שַׁבָּת הִיטְן אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. אוֹיבּ דֶער צוּגַארֶעטְל אִיז אַזוֹי צִיעֶנְדִיג - זָאלְסְטוּ דָאס אִינְגַאנְצְן אַוֶועק וַוארְפְן.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי פַּרְשָׁה, אוּן מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען בְּכָל יוֹם אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי זַאכְן וֶועסְטוּ שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## הַפָּצָה אִיז נִישְׁט גְרֶעסֶער וִוי הֶעלְפְן דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר, צוּ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בְּנוֹגֵעַ הֲפָצָה; דִי תּוֹרָה זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, א): "לַכֹּל זְמָן" וְכוּ', יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט, יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט נָאר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ אִיר צוּ הֶעלְפְן, נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוּנְטֶער וַואקְסְן, זֵיי וֶועלְן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ - וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר דַיין וַוייבּ זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין מֶער בַּיי הֲפָצָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אִירֶע נֶערְוֶוען זָאלְן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִיבֶּער רַייסְן.

דֶער זֶעלְבֶּער צַדִיק וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט גֵיין הַפָּצָה, דֶער זֶעלְבֶּער צַדִיק הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זַיין אִין שְׁטוּב הֶעלְפְן דִי וַוייבּ פִיזִישׁ אוּן בְּעִיקָר גֵייסְטִישׁ, אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר אוֹיסְפְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיר טָאג אִיז גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי זִי שְׁפִּירְט זִיךְ וְכוּ'.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, ווִי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, אִיז קְלָאר אַז הַפָּצָה אִיז נִישְׁט גְרֶעסֶער ווִי הֶעלְפְן דִי וַוייבּ.

...

## זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דַיין יוֹם הַחֲתוּנָה דַארְפְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג), ווִי דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל פַארְלוֹירְן אִין וַואלְד אוּן נִישְׁט גֶעהַאט עֶסְן, אוּן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דִי בֶּעטְלֶערְס וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, בִּיסְט גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ טוּנְקֶעלֶע וַואלְד, הֵיימְלָאז וְכוּ', אוּן הַיינְט הָאסְטוּ אַ מִשְׁפָּחָה, אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זָאגְן הַלֵּל אָן אַ בְּרָכָה אִין דִי טָאג פוּן דִי חֲתוּנָה, וַוייל יֶעדֶע יָאר וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס קוּמְט אָן דִי טָאג פוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף מֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

מַיין יוֹם הַחֲתוּנָה אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, קֶען אִיךְ זָאגְן הַלֵּל בְּשֵׁם וּמַלְכוּת אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בְּרֶענְגְּסְט נִישְׁט אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳, אוֹיךְ נִישְׁט אִין קַאר, דוּ לָאזְט עֶס אִין אָפִּיס.

...

## מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט דִי צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט פַּאסִירְט אַן אוּמְגְלִיק, מַיין שְׁוָואגֶער הָאט פַאַרְלוֹירְן זַיין צְוֶועלְף יֶערִיג אִינְגְל וָואס הָאט יֶעצְט גֶעדַארְפְט בַּר מִצְוָה הָאבְּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעשָׁאסְן פוּן דֶעם.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מֶער נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, וַוייל דָאס רֶעדְן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט דִי צָרוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.), אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", צוּלִיב דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן נֵייעֶ גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן פַאר הִילְף אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ גֶעהֶער אִיךְ? וָואס וִויל אִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיז מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, מֶען אִיז גוּט צֶעמִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֶען גֶעהֶערְט וְכוּ׳.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ זַיין קְלָאר בַּיי זִיךְ 'וואוּ אִיז מַיין פְּלַאץ? וָואס וִויל אִיךְ? וואוּ גֶעהֶער אִיךְ?' אוּן דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן, זֵיי וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס זֵיי וִוילְן אוּן וואוּ זֵיי גֶעהֶערְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז בַּיי יוּנְגֶע אוּן בַּיי אַלְטֶע, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן אוֹיךְ בַּיי עֶלְטֶערֶע, מֶען גֵייט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ, פוּן אֵיין גוּטֶער אִיד צוּם צְוֵוייטְן גוּטְן אִיד, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְקְלוֹיבְּן 'וואוּ גֶעהֶער אִיךְ? וָואס וִויל אִיךְ?' אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי אַ פָּנִים וִוי דִי קֶעלְבְּל וָואס זֵייגְט פוּן אַפָּאר מַאמֶעס וָואס וֶוערְט קְרַאנְק אוּן קְרֶעצִיג.

עֶרְשְׁט לוֹיפְט מֶען צוּ דִי פְּלַאץ וַוייל מֶען זֶעט דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, מֶען וִויל אוֹיךְ זַיין דָארְט אוּן אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי קָאפּ צְוִוישְׁן דִי גְרוֹיסֶע עוֹלָם, שְׁפֶּעטֶער גֵייט מֶען צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וַוייל דָארְט צִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְט וַוייטֶער מִיט זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר קֶען זִיךְ קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פְּלַאץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט דַאוֶונֶען. בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס לֶערְנְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת - הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן וֶועלְן נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן וֶועלְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, מֶען וֶוערְט זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען לוֹיפְט נִישְׁט מֶער אַרוּם פוּן פְּלַאץ צוּ פְּלַאץ, מֶען וֵוייסְט שׁוֹין גָאר גוּט וָואס מֶען וִויל, מֶען וִויל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוַואלְד, מִיר זֶענֶען אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט, אוּן דֶער רֶבִּי לֵייגְט אוּנְז אַרַיין אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַזֶעלְכֶע כִּסּוּפִים, וָואס גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֵייל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל אִינֶעם נֵייעֶם הֵיכַל בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דִי שִׁיעוּר וֶועט זַיין אַכְט דְרַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵייטְן

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?"

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְלֵייזְן אַ אִיד פוּן דִי רוֹימֶער, עֶר הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּאנט זַיין אֵייזְל אוּן גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיפְן וֶועג שְׁמוּעֶסְט דֶער צַדִיק מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר דֶערְצֵיילְט זֵיי פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס ווְאוּנְדֶער, מֶען זֶעט דִי שֵׁיינֶע בֶּערְג אוּן דִי שֵׁיינֶע טָאלְן, דִי שֵׁיינֶע זוּן מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס.

זֵיי פָארְן בִּיז זֵיי קוּמֶען אָן צוּ אַ טַייךְ, נִישְׁטָא קַיין בְּרִיק, נִישְׁטָא קַיין שִׁיפְן, דֶער צַדִיק פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ אַ נֵס אַז דִי טַייךְ זָאל זִיךְ שְׁפַּאלְטְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען רַאטֶעוֶועט דֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה".



רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין דִי וַואסֶער?

דֶער צַדִיק רוּפְט זִיךְ אָן צוּם טַייךְ: "טַייךְ, טַייךְ, אִיךְ בִּין גוֹזֵר אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן", דִי טַייךְ מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, זִי גִיסְט אִירֶע וַואסֶערְן וַוייטֶער אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט, בִּיז דֶער צַדִיק זָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּאלְטְן וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְטְרוּקֶענֶען, עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיס טַייךְ".

אַלֶע תַּלְמִידִים קוּקְן מִיט ווַאוּנְדֶער אוּן זֵיי זֶעעֶן וִוי דִי טַייךְ שְׁפַּאלְט זִיךְ, דֶער צַדִיק גֵייט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּן דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן מוֹרָא, אֵיינֶער רוּפְט זִיךְ אָן צוּם אַנְדֶערְן: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער", "אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא", "אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן", דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "רֶבִּי מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?"

דֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי חֲבֵרִים, דִי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי קֶענֶען מִיט מִיר אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע - דִי זָאלְן בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער, וַוייל דִי וַואסֶער וֶועט זֵיי פַארְשְׁוֶועמֶען".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אֲפִילוּ אוּמְוִוילְנְדִיג, אָמֵן סֶלָה".